**אין ניו יארק סיטי איז דאס אומלעגאל צו דיסקרימינירן קעגן א מענטש צוליב זייער סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער דזשענדער אויסדרוק אין פלעצער וועלכע שטעלן צו סערוויסעס פאר די פובליק, אריינרעכענענדיג העלט קעיר פלעצער.**

**איר האט די רעכט צו:**

1. ווערן באהאנדלט אויף א בכבוד'דיגן, רעספעקטפולן און פראפעסיאנאלן וועג אין **אלע** העלט קעיר פלעצער דורך **אלע** פראוויידערס און **אלע** איינגעשטעלטע
2. באקומען מיטפילנדע קעיר פאר אלעס וואס איר דארפט אן איינער זאל אייך דן זיין, זיך רעכענענדיג מיט אייער סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט און דזשענדער אויסדרוק פאר **אלע** געזונטהייט סערוויסעס
3. רעספעקטפולע שמועסן מיט פראוויידערס איבער אייער געזונטהייט און העלט קעיר באדערפענישן, אריינרעכענענדיג אייער סעקסועלע היסטאריע און אייער יעצטיגע סעקסועלע לעבן
4. האבן אייער דזשענדער אידענטיטעט און דזשענדער אויסדרוק אנערקענט, געשטיצט, דאקומענטירט און אקאמאדירט אין אלע העלט קעיר אינטעראקציעס
5. קלארע ערקלערונגען איבער פארלאנגען פון פראוויידערס פאר אייער געזונטהייט אינפארמאציע
6. קלארע ערקלערונגען איבער אלע מעדיצינישע פראצעדורן און די ריזיקעס פון זיי, און די רעכט צו באשליסן צוריקצווייזן סיי וועלכע באהאנדלונג
7. צוקומען צו העלט אינשורענס דעקונג און בענעפיטן אן דיסקרימינאציע באזירט אויף סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט און דזשענדער אויסדרוק
8. באשליסן ווער עס וועט מאכן אייערע מעדיצינישע באשלוסן פאר אייך אויב איר זענט נישט אומשטאנד דערצו; און אויב איר זענט אונטער 18 — די רעכט אז אייער מיינונג און דאס וואס איז דאס בעסטע פאר אייך זאל אריינגענומען ווערן אין די באשלוסן
9. באשליסן ווער עס קען און קען נישט אייך באזוכן אויב איר ווערט האספיטאליזירט אין א העלט קעיר אנשטאלט
10. פריוואטקייט און געהיימליכקייט

# LGBTQ
# העלט קעיר רעכטן

**זענט איר שלעכט באהאנדלט געווארן אדער צוריקגעוויזן געווארן קעיר צוליב אייער סעקסועלע אריענטאציע, דזשענדער אידענטיטעט אדער דזשענדער אויסדרוק?**
**רופט 311 אדער 718-722-3131 אריינצוגעבן א קלאגע צו די ניו יארק סיטי קאמיסיע אויף מענטשן רעכטן (New York City Commission on Human Rights).**

**פאר מער אינפארמאציע איבער אייערע העלט קעיר רעכטן, באזוכט nyc.gov/health/lgbtq.**

NYC Health

Yiddish